### שטרענגערע קאנטראלן אין ניו יארקער עירפּארטס אויף רייזנדע פון אפריקע

# קוואמא און קריסטי פאראָרדענען "קוואראנטין" אויף אלע רייזענדע פון אפריקע

ניו יארק. - אין ליכט פון די איבאלא שרעק, נאכדעם וואס א ניו יארקער דאקטאר וועלכער איז געווען אין אפריקע איז אנטדעקט געווארן מיט די איבאלא קרענק אין ניו יארק, האבן די גאווערנארס פון ניו יארק און ניו דזשירזי, מאריא קואמא און קריס קריסטי, פאראָרדענט אז אלע רייזענדע וואס קומען פון די לענדער אין מערב אפריקע וואו איבאלא בושעוועט, מוזן אויטאמאטיש אפּגעזונדערט ווערן אין א "קוואראנטין" ביז מ'וועט קענען פעסטשטעלן אז זיי זענען נישט אנגעשטעקט פון איבאלא.

דאס איז געווען זייער א דראסטישער, דראמאטישער און געוואגטער באשלוס, וואס מ'האט איינגעשטעלט ביי די 3 עירפּארטס אין די ניו יארקער געגענט (קענעדי, לאגווארדיע און נוארק) אז יעדער וואס האט געהאט די מינדעסטע בארירונג מיט איבאלא געליטענע מוז ווערן "איינגעשפּארט" אויף 21 טעג, צו פארזיכערן אז דער מענטש איז נישט קראנק. קוואמא האט אבער מודה געווען שב"ק אז ער ווייסט נאך נישט צי מ'קען עמיצן ארעסטירן פאר נישט לאזן זיך אראפּהאלטן אין קוואראנטין. דאס "איינשפּארן" וועט אבער זיין אינדערהיים, וואו מען וועט קומען 2 מאל אין טאג באקוקן צי מ'האט היץ.

פון ווייסן הויז איז קריטיקירט געווארן דער שריט.

די נייע "גזירה" איז געקומען פרייטאג, און אומר ועושה, מ'האט באלד מקיים פסק געווען אויף א נוירס וואס איז אהיימגעקומען פון מערב אפריקע און מ'האט זי באלד אפּגעפירט אונטער שוץ קליידונג צו די ספּעציעלע אפּטיילונג אין אוניווערזיטעט שפּיטאל אין נוארק, וואס איז באשטימט געווארן פאר דעם צוועק.

די נוירס, קעיסי איקאקס איז נארוואס צוריקגעקומען פון סיערא ליאן און האט נישט געהאט קיין שום סימפּטאמען. זי האט זיך באקלאגט אז איז באגעגנט געווארן דורך א גע'עג פון "אומארגאניזאציע" ביים עירפּארט. מ'האט זי באהאנדלט ווי א פארברעכער, מיט פארדאכט, און מ'האט פאלש געזאגט אז זי האט היץ. מ'האט זי געהאלטן ביי די אימיגראציע אפּטיילונג 3 שעה און פארדעכטיגטע באאמטע האבן "געבילט" אויף איר אזוי ווי זי וואלט געווען עפּעס א פארברעכער. זי איז געווארן אינדעקס אויפגערעגט און אנגעצויגן פון דעם מצב, אז צוליב דעם האבן די פיבער-מעסטערס וואס מ'האט געלייגט אויף איר שטערן געוויזן אז זי האט צו הויכע היץ, האט עס געברענגט א שרעק אז זי ליידט פיליכט פון איבאלא. וויבאלד עס האט געוויזן אז זי האט 101 היץ, האט מען איר געזאגט מיט א געפיל פון "צופרידנהייט", אז דו האסט היץ, און מ'האט ארויפגעווארפן אויף איר די ספּעציעלע שוץ קליידונג, מ'האט זי אריינגעפּאַט אין אן אמבולאנס וואס איז "געפלויגן" אויפ'ן הייוועי ארומגענומען מיט א מאטארקאדע פון 8 פאליציי קארס, יאגענדיג זיך צום שפּיטאל, און ווען זי איז אנגעקומען אין שפּיטאל האבן די דאקטוירים שוין ערווארט דאס ערגסטע, אבער ווען מ'האט געמאסט איר היץ מיט א גראד וואס מ'לייגט אריין אין מויל, האט עס געוויזן א נארמאלע היץ פון 98.6 גראד!

איקאקס האט וואלונטירט פאר "דאקטוירים אן גרעניצן", די זעלבע ארגאניזאציע וואו דר. גרעיק ספּענסער איז געווען, וואו ער איז יא קראנק געווארן מיט איבאלא. איקאקס האט דיפּלאמס פון 2 פּראמינענטע אוניווערזיטעטן און איר שלעכטע באהאנדלונג האט ארויסגעברענגט זארג ביי איר פאר אירע קאלעגעס וואס זענען נאך אין אפריקע וואס זיי פרובירן צו ראטעווען מענטשן.

זי האט געשריבן ווי אזוי זי האט געארבעט א חודש צוקוקענדיג ווי קינדער שטארבן, אליין. זי האט געזען די טראגעדיעס אויפוויקלענדיג זיך פאר אירע אויגן. "איך האב פּרובירט צו העלפן ווען א סאך פון די וועלט האט צוגעקוקט און גארנישט געטאן. איך בין (איצט) געזעסן אליין אין דעם איזולירונג געצעלט און געטראכט פון א סאך קאלעגעס וועלכע וועלן אהיימקומען קיין אמעריקע און אויסשטיין די זעלבע ליידן. וועט מען זיי מאכן שפּירן ווי פארברעכער און ארעסטאנטן?"

זי האט פארגעזעצט: די עפּידעמיע פארלענדט מערב אפריקע. מיר נויטיגן זיך אין מער העלט קעיר ארבייטער צו העלפן באקעמפן די אנשטעקונג אין מערב אפריקע. אמעריקע מוז באהאנדלען די העלט קעיר ארבייטער וואס קומען צוריק מיט עהרע און מענטשליכקייט.

*

דאס איז אין קורצן די פראגע מיט וואס מען ראנגעלט זיך איצט אין אמעריקע. ווי אזוי שאפט מען א באלאנס צווישן די לעגיטימע זארגן פאר'ן געזונט און וואוילזיין פאר אמעריקע, און די מענטשליכקייט געפילן צו די וועלכע וואלונטירן און ריזיקירן מיט זייער לעבן ווען זיי פארן אפּ צו די ווייטע אפריקע ארויסצוהעלפן אין קאמף קעגן איבאלא. אויב געזונטהייט באאמטע זענען באזארגט אז אויב מ'וועט צו שווער מאכן דאס לעבן פאר אזעלכע וואלונטירן, וועלן זיך א סאך פון זיי צוריקהאלטן, וועט דאס אין די ענדע זיין מער שעדליך ווייל די אנשטעקונג וועט מער וואקסן און זיך מער אויסשפּרייטן ח"ו.

*

אגב, האט מעיאר דיבלאזיא געזאגט אז גאווערנאר קוואמא האט זיך נישט באראטן מיט אים פאר'ן פארעפנטליכן דעם "קוואראנטין" באשלוס. דיבלאזיא האט נישט אויסגעדריקט קיין מיינונג, כאטש ער האט יא געזאגט אז אין אזא צייט דארף יעדער ארבייטן אינאיינעם, נאר ער פארשטייט אז עס קען אמאל אין אן עמוירדזשענסי אונטערקומען קאמוניקאציע פעלערן. ערשט איין טאג פריער, דאנערשטאג, זענען קוואמא און דיבלאזיא אינאיינעם ערשינען אין הארלעם צו בעטן אז מ'זאל זיך האלטן רואיג.

העלט קאמישאנער, דר. מערי בעסעט, האט אבער יא קריטיקירט דעם קוואמא-קריסטי באשלוס, זאגענדיג אז דאס קען אנטמוטיגן וואלונטירן פון פארן קיין אפריקע.

## איבאלא קומט אן קיין ניו יארק

עס איז געווען בלויז א פראגע פון צייט, און פיליכט האפענונג אז ניו יארק וועט זיין מזל'דיג, אבער עס איז נישט באשערט געווען. אויב ניו יארק איז טאקע די "נומער 1" שטאט פון אמעריקע, אדער גאר פון די וועלט, איז דאך אוודאי בלויז "רעכט" אז די שטאט זאל אויך "געבענטשט" ווערן מיט איבאלא, און אזוי איז טאקע געשען. אויב די שטאט דאלאס האט "באקומען" איין איבאלא פאל, פארוואס קומט נישט פאר ניו יארק 2 אדער 3 מאל אזויפיל?...

פאריגע וואך דאנערשטאג האט מען געהערט פון ערשטן באשטעטיגן איבאלא פאל אויך אין ניו יארק און פלוצלינג שפּירט מען זיך אביסל מער באזארגט, אדער כאטש נישט פארזיכערט, אז ניו יארק קען זיך ארויסדרייען פון דעם איבאלא פּראבלעם, און אויב ניו יארק איז נישט "פּטור", אויב מען האט זיך נישט געקענט פארזיכערן אין די גרויסע שטאט וואו מען האט געזאלט שטיין אויף דער וואך, קען זיך שוין נישט קיין שום שטאט אין אמעריקע איינרעדן אז דארט איז מען יא פארזיכערט.

דער 33 יעריגער דאקטאר קרעיג ספּענסער, פון קאלאמביע אוניווערזיטעט מעדיקעל צענטער, האט באהאנדלט איבאלא פּאציענטן אין גיני. צוויי וואכן צוריק איז ער אהיימגעקומען קיין ניו יארק און האט נישט פארדעכטיגט אז ער איז מעגליך קראנק, ווייל ער האט אנגענומען אלע זיכערהייט באווארענונגען, נוצנדיג שוץ קליידער, א.ד.ג.

לויט ווי מען הערט האט ער אנגעהאלטן א נארמאל לעבן אויף אזוי ווייט, אז מיטוואך נאכט איז ער נאך געקומען צו א באולינג פּלאץ אין וויליאמסבורג און האט גענוצט די סאבוועי אהינצופארן און א "יובער" טעקסי אהיימצופארן קיין מאנהעטן.

פארשטייט זיך אז דאס האט באלד געברענגט א שרעק צו פארן אויף סאבוועי'ס און אין טעקסי'ס, אבער מען האט זיך בארואיגט, מיט די הילף פון די שטאטישע פירער ווען מען האט אנגעוויזן אז מען קען זיך איבערנעמען איבאלא בלויז דורך פליסיגקייטן פון עמיצן וואס איז שוין קראנק דערמיט, און דאס ווערט נישט איבערגענומען דורך די לופט. אויך האט מען באלד אויסגערייניגט די אלע פּלעצער וואו ספּענסער האט באזוכט אין די וואך זינט ער איז אהיימגעקומען פון אפריקע, צו בארואיגן די מענטשן אז מען דארף זיך נישט זארגן, מען וועט נישט קראנק ווערן פון איבאלא.

אין ניו יארק, איז דאס בעלוויו שפּיטאל ספּעציעל אויסגעצייכנט פאר אזעלכע זאכן, ווייל מען האט שוין דארט אויפגעשטעלט א ספּעציעלע איזאלירונג אפּטיילונג א 25 יאר צוריק ווען עס איז דאן אונטערגעקומען אן אנדערער נייער געזונטהייט קריזיס, און דאס האט מען איצט צוגעגרייט פאר איבאלא פּאציענטן אויב (ווען) עס וועט אונטערקומען אזא פּראבלעם אין ניו יארק.

די "קוואראנטין" איינהייט געפינט זיך אויפ'ן 7'טן שטאק. מען האט דאס צוגעשטעלט 20 יאר צוריק ווען עס איז אנטשטאנען א פלוצלים'דיגע וואוקס אין טובערקלאסעס פאלן, וואס דאס קען מען זיך זייער שנעל איבערנעמען. עס האט ספּעציעלע ווארט זאלן, פאדער צימערן און א ווענטילאציע מיט א פלאמינג סיסטעם וואס גייט באזונדער פון די אנדערע סיסטעמען אינעם שפּיטאל. יענע איינהייט איז געווארן א קריטישן וואפן אין דעם דערפאלגרייכע קאמף קעגן "טי. בי." און איצט איז עס מאביליזירט געווארן אין קאמף קעגן איבאלא.

דאקטאר ספּענסער איז איצט געווארן דער ערשטער פּאציענט אויף וועמען מען וועט זען צי אלעס קלאפּט ווי עס דארף צו זיין. מיט דעם אלעם, פארגעסט מען נישט פון די צענטראלע ראלע וואס די פעדעראלע רעגירונג שפּילט אין די סארט זאכן, און מען האט זיך אויך באראטן מיט'ן "צענטערס פאר קראנקהייט קאנטראל" ("סי. די. סי.") אין אטלאנטא איבער די פּראטאקאלן וואס מען דארף אויספאלגן ביי פארדעכטיגטע איבאלא פּאציענטן. מען האט גענומען די טעסטס וואס דויערט 12 שעה ביז מען באקומט די רעזולטאטן אבער מען האט אים שוין באטראכט ווי אן איבאלא פּאציענט מיט אלע פארזיכערונגען וואס מען דארף האבן.




די "על" סטאנציע נעבן וויליאמסבורג וואו ספּענסער איז געווען. באמערקט, אז פּאסאזשירן באנוצן זיך מיט די סטאנציע, אן קיין זארגן, אזוי ווי עס דארף צו זיין

## אמעריקע האט ביז דערווייל 9 איבאלא פּאציענטן

זונטאג צופרי האט מען געהאט א חשבון פון 9 איבאלא ליידענדע אין אמעריקע.

דער ערשטער איז געווען דער 42 יעריגער טאמאס עריק דאנקען וועלכער איז אריין אין שפּיטאל סעפּטעמבער 28, נאכדעם וואס דאס שפּיטאל האט אים ביי א פריערדיגן באזוך אהיימגעשיקט, ער איז געשטארבן אקטאבער 8.

צוויי נוירסעס וואס האבן באהאנדלט דאנקען זענען אנגעשטעקט געווארן פון איבאלא, אבער עס איז געלונגעןביידע אויסצוהיילן.

א 33 יעריגער פאטאגראפיסט פאר "ען. בי. סי." האט באקומען אן איבאלא דיאגנאז, פאריגן דינסטאג האט מען אים אהיימגעלאזט פון שפּיטאל, אויסגעהיילט.

אויך האט מען ארויסגעלאזט אן אומאידענטיפיצירטן איבאלא פּאציענט זונטאג פון שפּיטאל אין אטלאנטא, נאכדעם ווי יענער דאקטאר האט געכאפּט איבאלא אין סיערא ליאן, אנהויב סעפּטעמבער.

דר. ריק סאקרא פון מאסאטשוסעטס האט פארברענגט כמעט 20 יאר אלס א מיסיאנער אין אפריקע. ער האט באקומען איבאלא ביים באהאנדלען די איבאלא פּאציענטן אין אפריקע. מ'האט אים אהיימגעלאזט פון שפּיאטל אין אמאהא, נעבראסקא, סעפּטעמבער 25, נאך וואכן פון באהאנדלונגען.

א מיסיאנער וואס האט באקומען איבאלא אין ליבעריע איז אין יולי איז אויסגעהיילט געווארן נאך עטליכע וואכן אין שפּיטאל אין אטלאנטא. זי איז נאכנישט פולשטענדיג צוריקגעקומען צו די כוחות.

דר. קענט ברענטלי האט אויך באקומען איבאלא ארום די זעלבע צייט ווי דער פריערדערמאנטער מיסיאנער. ביידע זענען באהאנדלט געווארן מיט דעם עקספּערימענטאלן דראג "זי-מעפּ". אויך ער איז שוין געזונט, און ער האט געגעבן א סאך בלוט מיט וואס מ'העלפט פאר אנדערע איבאלא פּאציענטן.

דר. קרעיג ספּענסער ווערט איצט באהאנדלט אין בעלוויו שפּיטאל.

עס איז מערקווירדיג אז ביז דערווייל איז געשטארבן בלויז איינער פון די 9 אמעריקאנער איבאלא ליידענדע. פיליכט קען מען זיך פון דעם לערנען אז פריע און גוטע באהאנדלונג פארבעסערט די אויסזיכטן איבערצולעבן די "אומהיילבארע קרענק".